## איציק מאַנגער

# הגרס לעצטע נאַכט בײַ אַבֿרהמן

די שפּחה הגר זיצט אין קיך,
אַ רויכיק לעמפּל ברענט
און שאָטנט סאַמע קעץ און מײַז
אויף אַלע גראָע ווענט.

זי וויינט, סע האָט דער באַלעבאָס
איר הײַנט געהייסן גיין.
„קליפּה, האָט ער איר געזאָגט,
דו טרעטסט מיך אָפּ, צי ניין?”

סורציע די פּושקע-גאַבעטע
האָט אים שוין ווידער אָנגערעדט:
„אָדער דו טרײַבסט די דינסט אַרויס,
אַז נישט וויל איך אַ גט.”

און הגר נעמט פֿון קופֿערט אַרויס
אַ בײַטשל קרעלן ווי בלוט,
אַ פֿאַרטעכל פֿון גרינעם זײַד
און אַ שטרויענעם זומערהוט.

די זאַכן האָט ער איר געשענקט,
אַ מאָל ווען זיי זענען געגאַן
שפּאַצירן איבער דער לאָנקע,
דאָרט, וווּ עס גייט די באַן.

„אוי, אַזוי ווי אַ רויך פֿון אַ קוימען,
און אַזוי ווי אַ רויך פֿון אַ באַן,
אַזוי איז, מאַמע געטרייַע,
די ליבע פֿון אַ מאַן.

ווּ וועל איך מיך איצט אַהינטון
מיטן פּיצל קינד אויף די הענט?
סייַדן נעמען זייַן בענקאַרט
און גיין דינען אין דער פֿרעמד.”

זי נעמט אין דער האַנט דעם בעזעם
און קערט צום לעצטן מאָל די שטוב
און עפּעס אונטער דער בלוזקע
פֿילט, אַז ס׳האָט אים נאָך ליב.

זי וואַשט נאָך איין מאָל די טעלער
און שייַערט די קופּערנע פֿאַן –
אַזוי ווי אַ רויך פֿון אַ קוימען
איז די ליבע פֿון אַ מאַן.

© 2005 Leonard Prager. All Rights Reserved.